**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט $12 מיליאן געגעבן געווארן צו איינגלידערן מענטשן מיט שווערע גייסטישע געזונטהייט געברויכן

***פינאנצירונג וועט אוועקשטעלן דריי נייע אינהאלטסרייכע און שטארקע איינגלידערונג גרופעס צו דינען ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און האדסאן ריווער ראיאן***

***פריינט-אנגעפירטע גרופעס זענען טייל פון [גאווערנער האקול'ס לענדמארק פלאן](https://www.governor.ny.gov/news/governor-hochul-announces-plan-overhaul-new-york-states-continuum-mental-health-care) צו איבערמאכן ניו יארק סטעיט'ס פארזעצונג פון גייסטישע געזונטהייט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דאס גרענט פון $12 מיליאן צו אנטוויקלען דריי נייע אינהאלטסרייכע און שטארקע איינגלידערונג גרופעס צו דינען די קאמיוניטיס אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און האדסאן ריווער ראיאן. אויסגעטיילט דורך די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH) וועלן די געלטער ערמעגליכן דריי סערוויס פראוויידערס צו אנטוויקלען פריינט-אנגעפירטע מערערע-שטראף גרופעס וועלכע וועלן צושטעלן אינהאלטסרייכע קאמיוניטי שטיצנדע סערוויסעס פאר ניו יארקער מיט קאמפליצירטע געברויכן וועלכע האבן שוועריקייטן מיט זיך באהעפטן מיט געוועגליכע גייסטישע געזונטהייט באהאנדלונג.

"ניו יארקער וועלכע האבן זיך אמאל ערהוילט פון גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען אדער פון א קריזיס זענען אן אן אייגנארטיגע פאזיציע ארויסצוהעלפן די מענטשן וועלכע מוטשענען זיך היינט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך נעמען א האליסטישע צוגאנג, וועלן די ערפארערנע גרופעס העלפן בויען צוטרוי צווישן מענטשן מיט קאמפליצירטע גייסטישע געזונטהייט געברויכן און זיי ארויסהעלפן אין די צייט וואס זיי גייען אדורך און נעמען אן די סערוויסעס וואס וועט זיי העלפן מיט זייער ערהוילונג."

'באלטיק סטריט AEH אינק.' (Baltic Street AEH Inc.) אין ניו יארק סיטי; 'גייסטישע געזונטהייט אסאסיאציע פון וועסטשעסטער' (Mental Health Association of Westchester); און 'הענט אריבער לאנג איילענד' (Hands Across Long Island) האבן אלע באקומען $4 מיליאן אויסגעשפרייט איבער פינף יאר כדי צו אוועקשטעלן די גרופעס. די פינאנצירונג וועט העלפן די ארגאניזאציעס אנטוויקלען א מערערע-שטראפן גרופע אריינרעכענענדיג א פריינט-גרופע אנפירער, שטיצנדע שטאב, א פאמיליע ליעיזאן, און לייסענסד פראפעסיאנאלן, אריינרעכענענדיג א סאושעל ווארקער און א נורס פראקטישאנער.

**אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנערין דר. ען סאליווען האט געזאגט,** "פריינט-שטיצנדע פראגראמען האבן שוין ארויסגעוויזן א גוטע רעקארד פון ווירקזאמקייט ווען עס קומט צו העלפן איינגלידערן מענטשן מיט קאמפליצירטע גייסטישע און פיזישע געזונטהייט געברויכן. די גרופעס וועלן העלפן אנצינדן די האפענונג אין די מענטשן וועם זיי העלפן, זיי ווייזנדיג אז ערהוילונג איז סיי מעגליך און סיי ערגרייכבאר. די געלטער, אזוי ווי די אנדערע געשילדערט אין גאווערנער האקול'ס לענדמארק פלאן,

העלפט אונז אדרעסירן לעכער אין סערוויסעס און צושטעלן בעסערע גייסטישע געזונטהייט קעיר פאר אלע ניו יארקער."

די גרופעס טרעטן פאר א פרייוויליגע, פריינט-אנגעפירטע איינגלידערונג צוגאנג צו פארבעסערן צוטריט צו נויטיגע קאמיוניטי הילפסמיטלען און די מערסטע אפענע און מענטשן-ארומנעמיגע וועג מעגליך. אנגעפירט דורך סערטיפייד פריינט, שטיצן די גרופעס פארבינדונגען צווישן די מענטשן וואס זיי ארבעטן איינצוגלידערן און די קאמיוניטי, באהאנדלונג, און אנדערע שטיצע.

[נאציאנאלע שטודיעס](#) ווייזן אז פריינט-שטיצע קען העלפן דערגרייכן, איינגלידערן, און באהעפטן מענטשן וועלכע האבן פראבלעמען מיט זיך באהעפטן צו געווענליכע גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס. כאטש פריינט פראפעסיאנאלן שטיצן איינע דעם אנדערע אויפ'ן וועג צו ערהוילונג, לערנען זיי אויך אויס לעבנס סקילס און העלפן מענטשן וועלכע גייען אריבער גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען צו פירן א לעבן אין די קאמיוניטי מיט ערפאלג און מיט מיינונג.

די הויפט פאקוס פון די גרופעס זענען אויף מענטשן וועלכע זענען אידענטיפיצירט געווארן אלץ אין הויכע ריזיקע פון געפאר אדער מיט קאמפליצירטע גייסטישע געזונטהייט געברויכן און זענען געמאכט צו פארמאכן די לעכער פאר די אלע וועלכע פארלאזן טורמע, שפיטעלער, אדער אנדערע אנשטאלט אומגעגנטער. די פראגראם צילט אויך צו דורכפירן אוטריטש און איינגלידערן מענטשן וועלכע האבן א היסטאריע פון זיין אפווענד פון געווענליכע סערוויסעס אבער זענען אידענטיפיצירט אלץ אין געפאר.

די פינאנצירונג פאר די גרופעס איז א טייל פון גאווערנער האקול'ס $1 ביליאן פלאן צו פארבעסערן ניו יארק סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם דורך פארגרעסערן קאפאציטעט איבער די גאנצע סיסטעם, פארברייטערן אנגייענדע פראגראמען וואס האבן א רעקארד פון ערפאלג, און אויסצאלן נייע איניציאטיוון באזירט אויף באווייזן געצילט צו פארמאכן די אידענטיפיצירטע לעכער. אנגענומען אלץ טייל פון די סטעיט בודזשעט אין מאי פון די פיסקאלע יאר 2024, וועט די פלאן דראמאטיש פארברייטערן צוטריט, פארמינערן די צייט פוןווארטן, און פארזיכערן פאסיגע שטאפלען פון קעיר פאר אלע ניו יארקער וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט.

גאווערנער האקול'ס פלאן רעכנט איך אריין דאס אויסברייטערן אוטפאציענט קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס, אויפבויען נייע שטיצנדע האוזינג יוניטס צו באדינען ניו יארקער מיט גייסטישע קראנקהייט און ארויסבויען פראגראמען וועלכע האבן אן אויפגעוויזענע רעקארד פון ערפאלג. די פלאן בויט אויך ארויף אויף פריערדיגע אינוועסטירונגען וואס זענען שוין געמאכט געווארן אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, העלפנדיג צו פארשטאפן לעכער און זיכער מאכן אז די סיסטעם שטעלט צו אויף א צופרידנשטעלנדן פארנעם אלע גייסטישע געזונטהייט קעיר באדערפענישן פון אלע ניו יארקער וועלכע זענען אין קריזיס, אריינרעכענענדיג באזייטיגטע און שוואכערע באפעלקערונגען.

**פארבאנד פאר רעכטן (Alliance for Rights) CEO הארווי ראזענטאל האט געזאגט,** "די INSET ביישפיל האט שוין ארויסגעוויזן זייער שטארקע רעזולטאטן מיט נוצן פריינט צו פריינט שטיצער צו ערפאלגליך און פרייוויליג איינגלידערן מענטשן וועלכע נויטיגן זיך אין גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אן דאס באנוץ פון געצוואונגענע באהאנדלונג באפעלן. מיר זענען גאר דאנקבאר צו גאווערנער האקול און קאמישאנערין סאליוון פאר געבן פאר פריינט-אנגעפירטע אגענטורן א שטארקע פינף-יאר אינוועסטירונג אין די דאזיגע פלאן וואס איז די ערשטע אינעם לאנד."

###